**גאווערנער קעטי האקול** **אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/14/2022

## גאווערנער האקול אנאנסירט 11 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין באפעלאו אלץ טייל פון 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט

***אינוועסטירונג וועט עפענען נייע האוזינג, ביזנעס און באשעפטיגונג געלעגנהייטן אין באפעלאו'ס בראדוועי-פילמאר געגנט, פארבעסערנדיג קוואליטעט פון לעבן פאר אלע באפעלאו איינוואוינער***

***שטרייכט אונטער גאווערנער'ס איבערגעגעבנקייט צו אונטערהייבן אפסטעיט עקאנאמיעס, אויפלעבן שטאט צענטער קאמיוניטיס דורך DRI***

***געמאלטע בילדער צו זעהן [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט 11 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין באפעלאו'ס בראדוועי-פילמאר געגנט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר באפעלאו איינוואוינער און ברענגען ביזנעס, באשעפטיגונג און האוזינג געלעגנהייטן אלץ טייל פון די 10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט. די אינוועסטירונגען וועלן אויסנוצן די געגנט'ס הויכע צאל פון הויפטזעכליך פארעלטערטע ביזנעס געביידעס צו מאכן דארט לעבעדיגע גרינע שטחים, געסער פאר ריטעיל געשעפטן, פארבעסערטע ביציקל און פיסגייער וועגן און א לעבעדיגע אויסקוק פאר די געסער. די פארבעסערונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די אפסטעיט עקאנאמיע און אונטערהייבן מערב ניו יארק קאמיוניטיס.

"מיר פלאסטערן אויס א נייע וועג פאראויס פאר באפעלאו, מאכנדיג באדייטנדע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן העלפן פארזעצן צו איבערשרייבן די באפעלאו ווידער-אויפשטייג געשיכטע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזערע אינוועסטירונגען אין האוזינג, עקאנאמישע אנטוויקלונג און צו שאפן דזשאבס אין איסט באפעלאו וועלן העלפן ארייגבלאזן א נייע גייסט אין די קאמיוניטי און עס מאכן פאר א בעסערע פלאץ וואו צו וואוינען און ארבעטן. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן אונזערע באמיאונגען צו טראנספארמירן געגנטער צו ווערן לעבעדיגע קאמיוניטי צענטערן און בויען א בעסערע צוקונפט פאר ניו יארקער."

באפעלאו'ס בראדוועי-פילמאר געגנט איז אויסגערופן געווארן אלץ א געוואונער פון די 5'טע רונדע פון DRI אין 2021. די ספעציפישע פראיעקטן צו פינאנצירט ווערן דורך די DRI רעכענען אריין:

**פארבעסערונגען צו די בראדוועי מארקעט - DRI סומע: $2,500,000**
די מארקעט'ס הויפט אריינגאנג וועט געעפנט ווערן צו אקאמאדירן איינריכטונגען, אריינרעכענענדיג א לאַבי מיט א דירעקטארי, פובליק אינפארמאציע בודקע, בלומען געשעפט און ATM מאשינען; אויפשטעלן א דרויסנדיגע פארמערס מארקעט; אריבערפירן טענאנט אפארטמענטס אויף בראדוועי צו ערזעצט ווערן מיט עסנווארג-פארבינדענע געשעפטן; און פארבעסערן לופט צירקולאציע ארום די מארקעט.

**פארבעסערונגען צו די פיסגייער ערפארונג - DRI סומע: $1,766,850**

דער פראיעקט רעכנט אריין אינוועסטירונג אין ערשט-קלאסיגע שילדן און וועג ווייזנדע איינריכטונגען, נייע גאסן באלייכטונג וואס שפארט ענערגיע און פארמערט פובליק זיכערהייט, איינפלאנצן ביימער און נייע פובליק איינריכטונגען ווי א פובליק פלאץ צו זיצן אינדרויסן און בלומען פלאנצונגען עס צו מאכן פאר א פריינטליכערע פובליק פלאץ פאר איינוואוינער און באזיכער.

**קאנסטרוקציע פון די באפעלאו צענטראל טערמינאל גראזיגע שטח - DRI סומע: $1,000,000**

די נישט-אויסגענוצטע גראזיגע שטח וועט טראנספארמירט ווערן צו א ווארעמע און גאר אקטיווע גרינע שטח פאר באנוץ דורכאויס די יאר, אריינרעכענענדיג פארווייילונג אקטיוויטעטן, ארגאניזירטע ספארטס געשעענישן און אנדערע געשעענישן צו ארויפטרייבן די אינטערעסע און שטיצע פאר צוקונפטיגע בויען באנוצן.

**רענאווירן Lombard 239 צו זיין א פלעי גרופּ און צו טרענירן טשיילד קעיר ארבייטער - DRI סומע: $1,000,000**

די ערשטע צוויי שטאק פון די עקזיסטירנדע פּראפּערטי וועט רענאווירט ווערן צו ווערן א פלעי גרופּ מיט גענוג פלאץ צו קענען אריינעמען ביז אזויפיל ווי 90 קינדער און באשעפטיגן צום וויניגסטנס 20 מענטשן, און אזוי אויך א פלאץ צו טרענירן די פלעי גרופּ ארבייטער.

**אויפבויען פארגעשריטענע 'ארגאנישע קאנטעינער' פארם - DRI סומע: $664,000**

די פארלאזטע געביידע און דערנעבנדע פארקינג לאט וועט איבערגעמאכט ווערן צו ווערן אן 1-אקער גרויסע קאנטעינער פארם. די איינריכטונג וואס וועט געטריבן ווערן מיט סאלאר ענערגיע וועט אויך האבן פעקעדזשינג און אפיסעס. עס וועט דינען א געגנט וואס איז דעזיגנירט אלץ אן 'עסנווארג מדבר' מיט לאקאל געוואקסענע, ארגאנישע פרוכט און גרינצייג.

**אויפלעבן Sears Paderewski פארק - DRI סומע: $630,000**

די פארק וועט איבערגעבויט ווערן צו שאפן א שטח פאר צוזאמקומען מיט פארשידענע צוועקן, מיט איינגעפלאנצטע ביימער, נייע אויספלאסטערונגען און איינריכטונגען, און אזוי אויך שפילארט עקוויפּמענט, א נייע פּאוויליאן און פלאץ פאר קאמיוניטי צוזאמקומען. די פּאוויליאן וועט דינען אלץ א שטח פאר קליינע פארשטעלונגען, דרויסנדיגע מארקעטס און א צוגענגליכע פלאץ צו שפילן אונטער שאטן.

**בויען האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן ביי Playter Gardens ביי די מארקעט - DRI סומע: $550,000**

דער פראיעקט וועט בויען 62 יוניטס פון דעוועלאפּמענט אויף ליידיגע שטחים, באשטייענדיג פון א רייע פון סארטן האוזינג פאר צוגענגליכע פרייזן, פון רענטעלס פאר איינצלנע פאמיליעס ביז הויכע דריי-שטאקיגע, גארטן-סטיל פאמיליע אפּארטמענט געביידע יוניטס מיט א סך הכל פון איבער 64,000 סקוועיר פיס פון שטח פאר פריוואטע הייזער.

**רענווירן היסטארישע Schreiber Brewery (שרייבער ברייערײ) - DRI סומע: $500,000**

די יצעטיגע פּראָפּערטי וועט רענאַווירט ווערן צו ווערן אַ בויגזאַמע קאָמערציעלע שטח מיט מערערע צוועקן, אַריינרעכענענדיג פאַר ברייעריי פּראָדוקציע, אַ ברייעריי מוזעאום, האָולסעיל ברייעריי מעניופעקטשורינג ביזנעס און נאָך אָפיס, קאָמערציעלע און פּריוואַטע באַנוצן.

**רענאַווירן 950 Broadway פאַר אַ דעי-קעיר צענטער פאַר צוגענגליכע פּרייזן - DRI סומע: $427,150**

אַ געוועזענע ביזנעס געביידע וועט רענאַווירט ווערן צו ווערן אַ דעי-קעיר צענטער. די געביידע וועט אויסגעשטעלט ווערן מיט זעקס קלאַסצימערן, אַ קאָמערציעלע קיך, צוויי שפּילערטער פאַר באַוועגנדע שפּילערייען, סטאַרעדזש פאַר עסנוואַרג, אָפיס פּלאַץ און בית כסא'ס. עס וועט אויך צולייגן אַ שפּילאַרט פאַר קינדער פון מערערע עלטערס.

**פאַרברייטערן און אַוועקגעשטעלטע בעקעריי אין די געגנט - DRI סומע: $362,000**

אַ באַקאַנטע פּלאַץ אין די געגנט און איינס פון די גרעסטע אַרבעטסגעבער אין בראַדוועי-פילמאָר, פּלאַנירט די בעקעריי צו פאַרברייטערן אירע איינריכטונגען צו די דערנעבענדע 185 Sweet Avenue שטח. דער פּראָיעקט רעכנט אַריין רענאַוואַציע פון אַ ליידיגע געביידע צו פאַרברייטערן פּראָדוקציע מעגליכקייטן.

**פאַרבעסערן די Matt Urban Center (מעט שטאָטישע צענטער) פאַר עפּטער-סקול און פאַרשטעלונגען פּלאַץ - DRI סומע: $290,000**

דער פּראָיעקט וועט פּרעזערווירן די געביידע און העלפן די Matt Urban Center צו נאָכקומען די לייסענסירונג פאָדערונגען פון אַן עפּטער-סקול פּראָגראַם. אַלץ אַ הויכפּונקט פון די קאָמיוניטי וועט אַן איבערגעמאַכטע Matt Urban Center באַדייטנד ביישטייערן צו די אויפלעבונג פון די געגנט דורכן צושטעלן קריטישע סערוויסעס.

**ניו יאָרק סעקרעטערי אָוו סטעיט ראָבערט דזש. ראָדריגעז האָט געזאָגט,** "די שטאָט צענטער אויפלעבונג איניציאַטיוו איז די סטעיט דעפּאַרטמענט'ס גרעסטע פּראָגראַם וואָס גיבט פאַר קאָמיוניטיס די געלעגנהייט צו פּאָזיטיוו טראַנספאָרמירן און אויפלעבן זייערע שטאָטישע צענטערן, זיי מאַכנדיג פאַר לעבעדיגע פּלעצער וואו צו וואוינען, אַרבעטן און שפּילן. איך באַדאַנק גאָווערנער האָקול פאַר איר אָנגייענדע שטיצע פאַר דעם וויכטיגן פּראָגראַם וואָס זעצט פאָר צו אינוועסטירן אין קאָמיוניטיס איבעראַל אַריבער די גוואַלדיגע סטעיט."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאַנער, האָפּ נייט, האָט געזאָגט,** "אַ געזונטע און לעבעדיגע איסט סייד איז גאָר וויכטיג צו אויפבויען באַפעלאָ'ס רעפּוטאַציע אַלץ אַ שטאָט מיט נייע עקאָנאָמישע געלעגנהייטן אין אַלע אירע געגנטער און נישט נאָר אין עטליכע געצײלטע. די שטאָט צענטער אויפלעבונג איניציאַטיוו האָט געציהלט פּראָיעקטן וועלכע וועלן אונטערשטיצן די וואוקס פון נייע ביזנעסער, האוזינג און גרינע שטחים — אַלע פון זיי געשטופּט דורך די מענטשן פון די שטאַלצע מולטי-קולטורישע קאָמיוניטי וועלכע זענען אייפערדיג און גרייט צו בויען אַ בעסערע, שטערקערע און זיכערערע מאָרגן."

**סטעיט סענאַטאָר טים קענעדי האָט געזאָגט,** "די בראַדוועי-פילמאָר קאָמיוניטי'ס בעסטע טעג שטייען בעפאָר אונז, מיט אַ נייע גייסט ווערנדיג אַריינגעבלאָזן אין די היסטאָרישע דיסטריקט. מיט די עלף פּראָיעקטן, וועט בראַדוועי-פילמאָר ווערן נאָך אַפילו אַ מער אַריינגעמענדע און וואַרעמע פּלאַץ וואָס שפּיגלט אָפּ איר רייכע קולטור און היסטאָריע. אַ דאַנק פאַר יעדן איינעם וועמען'ס קאָמענטאַרן און

געדאנקען האבן געהאלפן צייגן אויף די פראיעקטן, און א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר שטארקע שטיצע פאר באפעלאו'ס געגנטער."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירערין קריסטעל ד. פיפעלס-סטאָוקס האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן אלע קערפערשאפטן וועלכע וועלן באקומען סומעס פון די בראדוועי-פילמאר שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גרענט. א דאנק פאר גאווערנער האקול און פאר די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (Regional Economic Development Council) פון מערב ניו יארק פאר די 10 מיליאן דאלאר ווערט פון אינוועסטירונג אין באפעלאו'ס איסט סייד; עס איז שוין פון לאנג צייט צו העלפן סטאביליזירן און וואקסן אונזער קאמיוניטי. מיט די וואוקס פון די באפעלקערונג אלץ די יסוד, קאכט זיך יעצט שעפערישע לעבעדיגקייט און פארשידנארטיגקייט אין די קאמיוניטי וואס וועט עס מאכן בליהען אין די צוקונפט."

**באפעלאו קאונסיל מיטגלידער מיטש נאָוואַקאָווסקי האט געזאגט,** "ווען די בראדוועי-פילמאר געגנט איז אנאנסירט געווארן אלץ א געוואונער פון די DRI לעצטע יאר האב איך געוואוסט אז די געלטער דערפון וועלן האבן א טראנספארמאטיווע השפעה אויף די קאמיוניטי. די אינוועסטירונג וועט פארזעצן צו שיינען מיט א ליכט אויף די פאטענציאל פון די דיסטריקט. איך באדאנק די גאווערנער פארן לייגן די איסט סייד פון באפעלאו און די פאמיליעס וועלכע האבן דא זייער היים אלץ פריאריטעט!"

**שטאט צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**
ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "פלאנירן-און-טו" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע דורכפירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערררייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפענטליכט [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418